אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וואכעדיגע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק און גאון
רבינו **שמשון חיים** ב"ר נחמן מיכאל **נחמני** זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.






## אמרות שמשון

### דוד המלך גלוסט צו מקריב זיין קרבן נשיאים | די ווערק פון דוד און משה בלייבט אויף שטענדיג | דוד המלך באַגערט צו אויפבויען דער ביהמ"ק

**זֶה קָרְבַּן אַהֲרֹן וּבָנָיו אֲשֶׁר יַקְרִיבוּ לַה' בְּיוֹם הִמָּשַׁח אֹתוֹ וגו' (ו, יג):** עס שטייט אין 'מדרש' (ילקוט רמז תפ"ו), **אמר רב אידי, מתאוה היה דוד לקרבן נשיאים.** רב אידי זאגט: דוד המלך האט געגלוסט צו מקריב זיין די קרבן נשיאים.

שטעלט זיך די קשיא, פארוואס האט דוד המלך ספעציעל געגלוסט צו מקריב זיין די '**קרבן נשיאים**' מער פון אלע אנדערע קרבנות וואס כלל ישראל האט מקריב געווען?

מען קען דאס פארענטפערן לויט ווי עס ווערט געברענגט אין חז"ל (סוטה ט.), אויב וואלט משה רבינו אדער דוד המלך געבויעט דער בית המקדש, וואלט דער ביהמ"ק קיינמאל נישט חרוב געווארן, ווי די גמרא זאגט: **משה ודוד לא שלטו שונאיהם במעשי ידיהם.** (די פיינט האבן נישט געוועלטיגט אויף די ווערק פון משה רבינו און דוד המלך).

לויט דעם קומט אויס, אויב וואלט דוד המלך געבויעט דער בית המקדש, וואלט דאס געווען דער 'בית המקדש האחרון', וויבאלד דאס וואלט קיינמאל נישט געקענט חרוב ווערן.

מיר געפונען אין 'נביא' (יחזקאל פרקים מ"ה מ"ו), עס איז פאַרהאַן אַ ספעציעלע קרבן וואס מען דארף מקריב זיין ביים 'חנוכת בית המקדש האחרון', וואס ווערט אָנגערופן 'קרבן נשיא', דאס איז מען מקריב ביים חנוכת ביהמ"ק וואס גייט קיינמאל נישט חרוב ווערן.

לויט דעם איז זייער פארשטענדליך פארוואס דוד המלך האט געגלוסט צו מקריב זיין דוקא דאס 'קרבן נשיאים', וויבאלד דוד המלך האט באַגערט צו בויען די בית המקדש, און אויב בויעט ער דעם ביהמ"ק, וועט עס קיינמאל נישט חרוב ווערן, ממילא וועט ער דארפן ברענגען ביים חנוכת בית המקדש דאס '**קרבן נשיא**' וויבאלד ער איז דאך געווען דער מלך מיט נשיא.

דאס איז פשט אין חז"ל, דער תאוה פון דוד המלך איז געווען צו מקריב זיין קרבן נשיאים, וויבאלד ער האט געוואלט זוכה זיין צו בויען דעם ביהמ"ק אויף שטענדיג, וואס וועט קיינמאל נישט חרוב ווערן.

(פרשתינו אות ד')

### פיר ניסים וואס מען דארף ברענגען א קרבן תודה | חילוקים אין לשונות הפסוקים | נס וואס פאַסירט צו יעדעם באַזונדער | דער אויבערשטער הערט אויס יעדע תפילה טראץ וואס עס קומט נישט פונעם גאַנצע האַרץ

**אִם עַל תּוֹדָה יַקְרִיבֶנּוּ וְהִקְרִיב עַל זֶבַח הַתּוֹדָה חַלּוֹת מַצּוֹת בְּלוּלֹת בַּשֶּׁמֶן וּרְקִיקֵי מַצּוֹת מְשֻׁחִים בַּשָּׁמֶן וְסֹלֶת מֻרְבֶּכֶת חַלֹּת בְּלוּלֹת בַּשָּׁמֶן (ז, יב):** רש"י אויפן ארט (ד"ה אם על תודה), ערקלערט ווער איז מחויב צו ברענגען א קרבן תודה:

'**אם על דבר הודאה על נס שנעשה לו, כגון יורדי הים, והולכי מדבריות, וחבושי בית האסורים, וחולה שנתרפא, שהם צריכין להודות, שכתוב בהן** (תהלים קז, כא), **יוֹדוּ לַיהוָה חַסְדּוֹ וְנִפְלְאוֹתָיו לִבְנֵי אָדָם,** (שם כב), **וְיִזְבְּחוּ זִבְחֵי תוֹדָה**'. די אלע וואס ווערן געראטעוועט פון א צרה (דורכגערייזט א ים, דורכגעגאנגען א מדבר, באפרייט פון תפיסה, אויסגעהיילט פון א קרענק). זענען מחויב אפצוגעבן א שבח והודיה פאר'ן רבוש"ע און מקריב זיין א קרבן תודה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'יודו לה' חסדו ונפלאותיו לבני אדם'.

דער קאפיטל ק"ז אין 'תהלים' באציט זיך אויף די אויבנדערמאנטע פיר סארטן סכנות וואס א מענטש גייט אריבער, און מען דאנקט דער אויבערשטער אויף אלע ניסים און חסדים וואס ער טוט פארן מענטש. מען קען אריינטייטשן א שיינע פשט אין די ווערטער פון די פסוקים אינעם קאפיטל.

**וַיִּצְעֲקוּ אֶל ה' בַּצַּר לָהֶם מִמְּצוּקוֹתֵיהֶם יַצִּילֵם וגו' (שם ו'):** די פסוק ענדערט די לשון ביי יעדע פאל באזונדער, ביי 'הולכי מדבריות' שטייט: **יצילם**. ביי 'יורדי הים' שטייט: **יוציאם**. ביי 'חבוש וחולה שנתרפא' שטייט: **יושיעם**.

מען קען ערקלערן די ענדערונג אינעם לשון לויט דער אינהאַלט פונעם נס:

**הולכי מדברות:** איז הויפטזעכליך דער נס אז זיי זענען דורכגעגאנגען די מדבר בשלום, און נישט באַטראָפן געווארן פון רויבער און ווילדע חיות וכו'. אויף דעם פאַסט די לשון '**יצילם**', וויבאלד דער אויבערשטער האט זיי 'געראַטעוועט' אויפן וועג, פון רויבער וואס קענען זיי שעדיגן און שלעכט'ס טון.

אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (סוטה כא.), **הגיע לפרשת דרכים, 'ניצול' מכולם.** איינער וואס האט זיך פאַרבלאָנדזשט אין וואלד, שטייט ער אויס א געפאַר פון רויבער, שלעכטע חיות, וכדומה. ווען ער קומט אן צו דער פרשת דרכים - שיידוועג וואס פון דארט און ווייטער דערקענט ער די אויסגעטראָטנע וועג, דעמאָלטס איז ער געראטעוועט געווארן, און גייט ארויס פון די סכנה, (ועיי"ש).

**יורדי הים:** איז הויפטזעכליך די געפאַר צו באַטראפן ווערן פון א שטורעם ווינט, וואס קען איינזינקען דאס שיף, און אפילו אויב מ'איז געראטעוועט געווארן פון א שטורעם ווינט, איז דאס נאכנישט א פולקאָמע רעטונג ווילאנג מ'איז נישט אינגאנצן ארויס פון ים, וויבאלד ס'קען נאך קומען א פרישע שטורעם ווינט, דערפאר שטייט דאס לשון '**יוציאם**' (אינגאנצן ארויס פון ים).

**חבוש וחולה שנתרפא:** עס שטייט דוקא די לשון '**יושיעם**'. אזוי ווי עס שטייט אין רד"ק (שורש שוע), **כי 'ישועה' נגזרת מתי בת שוע ומשמועתה שומע תפילה.** דער שורש פון די ווארט 'ישועה' נעמט זיך פון די באדייט 'שומע תפילה'. דאס הייסט, ישועה איז טייטש אז דער אויבערשטער האט אויסגעהערט די תפילות וואס דער מענטש האבן געבעטן און אים געהאָלפן פון זיין פראבלעם.

דאס איז א ספעציעלע חידוש, אז דער אויבערשטער זאל אויסהערן תפילות פון איינער וואס איז פאַרשפאַרט אין תפיסה און פון א חולה, וויבאַלד דער שטייגער פון די וועלט איז, ווען איינער איז איינגעשפאַרט אונטער גראַטעס טוט מען אינטערווענירן אלע סארט שתדלנות און מיטלען אים צו באפרייען. און דאס זעלבע ביי א חולה וואס מ'לויפט ארום צו אלע פרעפעסאָרן און דאָקטורים.

ערשט נאכדעם וואס מען זעט אז דאס אלעס האט נישט געהאלפן, דאן ווענד מען זיך צום באשעפער און מען בעט ער זאל העלפן. און אפילו ווען מען דאווענט שוין יא, איז דאס נישט מיט'ן גאנצע הארץ און פולע האפנונג אויסשליסליך אינעם באשעפער, מען פראבירט נאכאלץ צו שתדל'ען און לייגן ערוואַרטונגען אויף די השתדלות וואס מען האט געמאַכט.

דעריבער וואלט חלילה געווען א ארט צו קלערן, אז פאר אזעלכע סארט תפילות הערט דער אויבערשטער נישט צו, וויבאלד עס פעלט דער ריכטיגע ביטחון אינעם אויבערשטן.

דערפאר שטייט די לשון '**יושיעם**' דוקא ביי די צוויי (חבוש מיט חולה), צו לאזן הערן דער חידוש, אפילו ביי אזעלכע סארט תפילות וואס קומט נישט פון דאס גאנצע הארץ, הערט אויס דער גרויסער באשעפער וועלכע איז א 'קל רחום וחנון'.

(פרשתינו אות ה')

❖❖❖

הוצאת הגליון והפצתו להצלחת **צבי יצחק דוב** בן **גיטל חיה** וזוג' **מרים סאבל** בת **אסתר** ובניהם **שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר**
לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל הענינים

# המשך אמרות שמשון

## פסח

### מען דאנקט דער אויבערשטער אז מ'איז צושפרייט צווישן די פעלקער | אומות העולם ווילן נישט טון א האלבע ארבעט | דורכדעם וואס מען איז צושפרייט צווישן די פעלקער ווערט מען געראטעוועט פון זיי

**וְהִיא שֶׁעָמְדָה לַאֲבוֹתֵינוּ וְלָנוּ שֶׁלֹּא אֶחָד בִּלְבָד עָמַד עָלֵינוּ לְכַלּוֹתֵינוּ, אֶלָּא שֶׁבְּכָל דּוֹר וָדוֹר עוֹמְדִים עָלֵינוּ לְכַלּוֹתֵינוּ, וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַצִּילֵנוּ מִיָּדָם:**
לכאורה דארף מען פארשטיין פשט אין די ווערטער פונעם 'בעל הגדה' וואס זאגט: **'שלא אחד בלבד עמד עלינו לכלותינו'** (נישט נאר איינער האט זיך אויפגעשטעלט צו פארלענדן כלל ישראל). וואס איז א חילוק וויפיל האבן געוואלט שלעכט'ס טון פאר כלל ישראל? אויף יעדנפאַלס דארף מען דאנקען דער רבוש"ע וואס ראטעוועט אונז פון אלע סכנות און צרות.

נאך דארף מען פארשטיין, פון דער לשון פונעם בעל הגדה איז משמע, אז מען דאַנקט דער באשעפער אויף דעם אז - **'בכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו'** - עס איז פאַרהאַן אין יעדע דור וואס שטייען אויף, אונז צו פארלענדן כלל ישראל. דארף מען פארשטיין וואָספאַראַ שבח איז דאס? פארוואס לויבט מען אויף דעם?

עס שטייט אין גמרא (פסחים פז:), אויפן פסוק (שופטים ה, יא) **'צִדְקֹת פִּרְזוֹנוֹ בְּיִשְׂרָאֵל'. צדקה עשה הקב"ה בישראל שפזרן לבין האומות**. דער אויבערשטער האט געטון א גרויסע חסד מיט כלל ישראל מיט דעם וואס דער אויבערשטער האט צושפרייט כלל ישראל צווישן די פעלקער, אזוי קענען נישט די פעלקער פאַרלענדן כלל ישראל ח"ו. וויבאלד זיי קענען נישט הרג'ענען גאַנץ כלל ישראל, ווייל זיי צושפרייט און געפונען זיך נישט אונטער איין שליטה, און הרג'ענען בלויז די אידן וואס זענען אונטער זייער שליטה, ווילן זיי אויך נישט טון, כדי נישט צו ווערן אנגערופן **'מלכותא קטיעתא'** (א קעניגרייך וואס טוט נאר א האלבע ארבעט).

מיט דעם שטימט זייער שיין די אויבנדערמאַנטע ווערטער פונעם 'בעל הגדה', אונז דאנקען דער אויבערשטן אויף דעם וואס אונז זענען צושפרייט צווישן די פעלקער, אזוי איז פאַרהאַן אַסאַך וואס זענען **'בכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו'**, ווייל יעדע אומה באַזונדער וויל ח"ו פאַרלענדן די אידן וואס געפונען זיך אונטער זיי. אבער זיי קענען דאס נישט טון וויבאלד זיי ווילן נישט ווערן א 'מלכותא קטיעתא'. דאקעגן אויב וואלט געווען בלויז 'אחד בלבד עומד עלינו', וואס דאס באַדייט אז אלע אידן זענען אונטער איין שליטה, וואלט יענע אומה געקענט אויס'הרג'ענען גאנץ כלל ישראל ח"ו.

דעריבער זאגט מען: **וְהִיא שֶׁעָמְדָה לַאֲבוֹתֵינוּ וְלָנוּ שֶׁלֹּא אֶחָד בִּלְבָד עָמַד עָלֵינוּ לְכַלּוֹתֵינוּ** - מען דאנק דער אויבערשטער אז מען געפונט זיך נישט בלויז אונטער איין פאלק וואס וויל אונטערברענגען כלל ישראל, נאר **בְּכָל דּוֹר וָדוֹר עוֹמְדִים עָלֵינוּ לְכַלּוֹתֵינוּ** - עס איז דא אסאך פעלקער וואס ווילן אונטערברענגען כלל ישראל, וויבאלד אונז זענען פארשפרייט צווישן אסאך פעלקער. און דאס איז א גרויסע טובה, וויבאלד **הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַצִּילֵנוּ מִיָּדָם** - דאס האט דער אויבערשטער געטון, כדי אונז זאלן קענען געראטעוועט ווערן, און די אומות העולם זאלן אונז נישט ח"ו קענען פארלענדן.

(הגדה של פסח אות ה')

## שביעי של פסח

### טענה פונעם ים זיך נישט צו שפאלטן וויבאלד כלל ישראל איז נישט ראוי - פארקערטע מחלוקת תנאים צו די שבטים האבן געוואלט אריינגיין אין ים - 'בנים אתם לה' אלוקיכם' - מחלוקת רבי מאיר און רבי יהודה איז לשיטתם אין זייער מחלוקת אין מסכת קידושין

עס שטייט אין מדרש (שמו"ר כא, ו), **'בשעה שהלך משה אצל הים ואמר לו שיקרע, אמר לו מפניך אין אני נקרא שאני נבראתי בשלישי ואתה בשישי וכו', מה עשה הקב"ה נתן ימינו על ימינו של משה וכו' ואז הים ראה וינוס'**. ווען משה רבינו איז געקומען שפאלטן דעם ים סוף, האט זיך דער ים אנטקעגן געשטעלט און געזאגט איך האלט זיך נישט ביים שפאלטן פאר דיר, וויבאלד איך בין באשאפן געווארן דער דריטן טאג פון בריאת העולם, און דו ביזט נאר באשאפן געווארן דער זעקסטן טאג. איז דער אויבערשטער געקומען און כביכול געלייגט זיין רעכטע האנט אויף די רעכטע האנט פון משה רבינו און דער ים האט זיך געשפאלטן.

פרעגט דער יפת תואר (רבי שמואל יפה אשכנזי זצ"ל), עס שטייט אין חז"ל (שמות רבה כא, ו), ווען דער אויבערשטער האט באשאפן דער ים, האט ער זיך אויסגענומען א תנאי אז דער ים וועט זיך מוזן שפאלטן פאר כלל ישראל ווען זיי וועלן ארויסגיין פון מצרים.

אויב אזוי דארף מען פארשטיין, ווי אזוי האט זיך דער ים געקענט אנטקעגן שטעלן מיט חשבונות אז ער איז חשוב'ער פונעם מענטש? נאכדערצו ווען משה רבינו קומט מיט א קלארע באפעל פונעם באשעפער צו שפאלטן די ים?

ענטפערט דער יפת תואר, דער ים האט געהאלטן, דער תנאי וואס דער אויבערשטער האט געמאכט מיט אים ווען ער איז באשאפן געווארן, איז געווען נאר אויב כלל ישראל וועט זיין ראוי דערפאר, און וויבאלד אין די צייט פון יציאת מצרים האט זיך געפונען צווישן כלל ישראל אסאך זינדיגע וואס זענען נישט געווען ראוי צו קריעת ים סוף, ממילא האט דער ים געהאלטן ער דארף נישט אויספירן די תנאי פון מעשה בראשית, און דארף זיך נישט שפאלטן.

❖❖❖

מיט דעם ערקלערט דער הייליגער זרע שמשון פשט אין דער מחלוקת רבי מאיר און רבי יהודה אין גמרא (סוטה לז.), **תניא ר"מ אומר בשעה שהיו ישראל עומדים על שפת הים היו השבטים מנצחין זה עם זה, זה אומר אני יורד תחילה לים וזה אומר אני יורד תחילה לים, קפץ שבטו של בנימין וכו'. אמר ליה רבי יהודה לא כך היה המעשה אלא זה אומר אין אני יורד תחילה וזה אומר וכו', קפץ נחשון בן עמינדב וירד תחילה לים שנאמר וכו'.**

רבי מאיר זאגט, אין די צייט וואס כלל ישראל זענען געשטאנען פאָרנט פונעם ים, האבן זיך די שבטים געקריגט ווער עס זאל צום ערשט אריינטאנצן אין ים, יעדער האט געוואלט זיין דער ערשטער אריינצוגיין, איז שבט בנימין געקומען און אריינגעשפרינגן אינעם וואסער.

רבי יהודה זאגט, ס'איז געווען פונקט פארקערט, קיינער האט נישט געוואלט זיין דער ערשטער אריינצוגיין אין וואסער, ביז עס איז געקומען נחשון בן עמינדב און זיך מוסר נפש געווען און אריינגעשפרינגן אינעם וואסער.

לכאורה דארף מען פארשטיין פשט אין די פארקערטע מחלוקת, ר"מ האלט יעדער האט געוואלט אריינגיין, און ר"י האלט פונקט פארקערט קיינער האט נישט געוואלט אריינגיין אין ים.

ערקלערט די זרע שמשון, מיר געפונען א צווייטע מחלוקת צווישן רבי מאיר און רבי יהודה אין גמרא מסכת קידושין (דף ל"ו ע"א), **תניא בנים אתם לה' אלוקיכם, בזמן שאתם נוהגים מנהג בנים אתם קרויים בנים ואם לאו אין אתם קרויים בנים, דברי רבי יהודה, רבי מאיר אומר בין כך ובין כך אתם קרויים בנים** - רבי יהודה האלט, כלל ישראל ווערט אנגערופען 'בנים' - קינדער פונעם באשעפער נאר אויב מ'איז ערליך און מען טוט דעם רצון ה'. רבי מאיר האלט יעדנספאל ווערט מען אנגערופען 'בנים' אפילו אויב מ'טוט ח"ו עבירות.

❖❖❖

לויט דעם קען מען מסביר זיין, די טענה'ריי צווישן די ים און משה רבינו איז געוואנדן אין די מחלוקת רבי מאיר און רבי יהודה, צו די אידן זענען געווען ראוי אז די ים זאל זיך שפאלטן פאר זיי אדער נישט.

לויט רבי יהודה וואס האלט מ'ווערט נאר אנגערופען 'בנים' אויב מען טוט דעם רצון ה', ביי קריעת ים סוף וואס עס איז געווען זינדיגע אין כלל ישראל, האט דער ים געהאט א ריכטיגע טענה און איז נישט געווען מחויב צו שפאלטן פאר כלל ישראל, וויבאלד כלל ישראל איז נישט געווען ראוי פאר ניסים.

אבער לויט רבי מאיר וואס האלט און יעדענספאל ווערט מען אנגערופען 'בנים' פונעם אויבערשטן, דאן אפילו אויב ס'איז געווען זינדיגע איז דער ים נאכאלץ געווען מחויב זיך צו שפאלטן פאר כלל ישראל.

❖❖❖

מיט דעם פארשטייט מען פשט און די פארקערטע מחלוקת פון רבי מאיר און רבי יהודה (צו די שבטים האבן יא געוואלט אריינגיין אינעם ים אדער נישט), לויט רבי יהודה וואס האלט מ'ווערט נאר אנגערופען 'בנים' אויב מ'טוט דעם רצון ה'. אויב אזוי וויבאלד ס'איז געווען זינדיגע ביי יציאת מצרים איז מען נישט געווען פארזיכערט די ים וועט זיך שפאלטן, (אזוי ווי דער ים האט ווארשיינליך גע'טענה'ט צו משה רבינו). דערפאר האט זיך געפאדערט מסירות נפש, און נחשון בן עמינדב איז געווען דער וואס האט זיך מוסר נפש געווען און אריינגעטאנצן אין וואסער.

דאקעגן רבי מאיר וואס האלט אז שטענדיג וועט מען אנגערופען 'בנים' פונעם אויבערשטן, דעריבער אפילו עס האט זיך געפונען זינדיגע האבן אלע שבטים געוואלט ערשט אריינגיין און ים, וויבאלד מ'איז געווען פארזיכערט אין ניסים און דער ים וועט זיך שפאלטן.

(זרע שמשון פרשת בשלח אות ו')

ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.
צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com
אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450
**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות,
צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין
צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17)
סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו